**איך תיכף ארויסצוגעבן:** 1/31/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער נאציאנאלע גאווערנערס פארבאנד ווייסע הויז באגעגעניש**

"פריער היינט האב איך זיך געטראפן מיט פרעזידענטביידן, וויצע פרעזידענט העריס און מיט קאבינעט בעאמטע אלץ טייל פון די נאציאנאלע גאווערנערס פארבאנד'ס (National Governors Association) 2022 ווינטער באגעגעניש. איך בין דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו איבערשמועסן די שוועריגקייטן מיט וועלכע אונזער סטעיט פארמעסט זיך און וויאזוי מיר קענען פארזעצן צו ארבעטן מיט די פעדעראלע רעגירונג צו ברענגען געלעגנהייטן און באשיצן ניו יארקער.

"איך האב באזונדערס געשתדל'ט אז אן עמטליכע עקאנאמישע פארשטערקערונג געזעץ זאל אריבערגעפירט ווערן צו צושטעלן געלטער צו פארשטערקערן די סעמיקאָנדאָקטער אינדוסטריע, אדרעסירן שוועריגקייטן מיט די סופליי טשעין און שאפן דזשאבס אין ניו יארק און אין די גאנצע לאנד אין דעם וויכטיגן פעלד. גאווערנערס האבן אויך איבערגערעדט אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו באקעמפן קאוויד-19, אפן האלטן די סקולס און ברענגען אן ערלייכטערונג פארר אונזערע העלטקעיר ארבייטער. איך בין ערמוטיגט דורך די שריט פון די פעדעראלע רעגירונג צו פארמערן צוטריט צו האפנונגספולע אנטי-ווירוס באהאנדלונגען און צו צושטעלן שטיצע מיט ארבעטסקראפט מאנגלען פאר שפיטעלער און העלטקעיר אנשטאלטן. אין צוגאב האבן די אנדערע גאווערנערס מיטגעטיילט זייערע זארגן איבער וואקסנדע אינפלאציע, און איך בין קאנצענטרירט אויף דאס זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען בליהען אין דעם עקאנאמיע. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט אנדערע גאווערנערס צו פארבעסערן און מאכן מער פארשידנארטיג די וועגן צו אנטוויקלען אונזער לאנד'ס ארבעטסקראפט און צו טרענירן ניו יארקער פאר דזשאבס אין וואקסנדע אינדוסטריעס, אריינרעכנענדיג די ריינע ענערגיע אינדוסטריע, פארברייטערן צוטריט צו אינטערנעט – באזונדערס אין קאמיוניטיס ארויס פון שטאט – און צו צושטעלן שטיצע פאר ארבעטנדע פאמיליעס.

"איך קוק ארויס צו פארזעצן אונזער שותפות אויף די קריטישע אנגעלעגנהייטן און צו אונזערע אנגייענדע ארבעט צו ברענגען רעזולטאטן פאר ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418